ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## וירא

(חלק כ שיחה א)


יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וארבע לבריאה


מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות

שבוע פרשת וירא, יד־כ מרחשון, ה׳תשפ״ד (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2023
by

Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# וירא

א. מ׳האָט שוין כמה פעמים[1] דער־ציילט דעם סיפור פון רבי׳ן (מהורש״ב) נ״ע, וואָס האָט פּאַסירט ווען ער איז געווען אַ קינד פון פיר אָדער פינף יאָר, בשבת פרשת וירא:

דער רבי נ״ע איז אַריין צו זיין זיידן כ״ק אדמו״ר הצ״צ (צו מקבל זיין די ברכה בשייכות מיט זיין יום הולדת[2]) און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט, זאָגנדיק: פאַרוואָס האָט זיך דער אויבערשטער באַוויזן צו אברהם אבינו און צו אונז (אים) באַווייזט ער זיך ניט?

האָט אים דער צ״צ געענטפערט: אַז אַ איד (אַ צדיק[3]), צו ניין און ניינציק יאָר, איז מחליט אַז ער דאַרף זיך מל זיין, איז ער ווערט אַז דער אויבערשטער זאָל זיך באַווייזן צו אים.

ב. סיפורי רבותינו נשיאינו בכלל, ובפרט די וועלכע זיי אַליין האָבן אונז מגלה געווען ע״מ לפרסמם, זיינען דאָך זיכער מדוייק בכל פרטיהם.

אפילו די סיפורים וועלכע האָבן פּאַ־סירט בקטנותם — איז דערפון גופא וואָס רבותינו נשיאינו האָבן דערציילט די סיפורים (ובפרט ע״פ מחז״ל[4] אַז „בוצין בוצין מקטפי׳ ידיע״), איז פאַרשטאַנדיק, אַז זיי זיינען ניט נאָר אַן ענין פון וועלכן מ׳קען אַרויסנעמען אַ הוראה אין עבודת ה׳ (אַזוי ווי מען דאַרף אַרויסנעמען פון יעדער זאַך וואָס מ׳זעט אָדער מ׳הערט[5]), נאָר זיי אַנטהאַלטן אַ תוכן מיוחד, וועלכן מען דאַרף לערנען און פאַרשטיין.

איז אין דעם סיפור האמור ניט פאַר־שטאַנדיק: „וירא ה׳ אל אברם״ שטייט שוין פריער און צוויי מאָל (אין פ׳ לך לך[6]). פאַרוואָס איז געווען די בכי׳ פון רבי׳ן נ״ע אויף דעם וואָס דער אויבער־שטער האָט זיך באַוויזן צו אברהם אבינו און צו אונז (אים) באַווייזט ער זיך ניט — בקשר מיט׳ן פסוק אין פ׳ וירא, און ניט פון פ׳ לך לך?

וועגן דעם צווייטן מאָל „וירא ה׳ אל אברם״ (פון פ׳ לך לך) — קען מען זאָגן, אַז דער רבי נ״ע האָט נאָך אפשר דעמאָלט ניט געלערנט דעם פסוק, היות ווי דער פסוק איז כמעט אין סיום הסדרה (ווי עס פירט זיך בכמה מקומות דער סדר הלימוד מיט קינדער, אַז מען לערנט מיט זיי יעדער וואָך נאָר אַ טייל פון פרשת השבוע[7]);

אָבער בנוגע צום ערשטן מאָל „וירא ה׳ אל אברם״, וואָס שטייט אין תחלת הסדרה, האָט ער דאָך יאָ דעמאָלט גע־לערנט — איז פאַרוואָס איז זיין פאַנאַנ־דערוויינען זיך ניט געקומען בקשר מיט דעם פסוק?

---

1) ראה לקו״ש ח״א פ׳ וירא. ח״ה כ׳ מרחשון. שם ע׳ 321. חט״ו וירא־כ׳ מרחשון. והוא משיחת ש״פ וירא, כ״ף מרחשון, תרצ״ג. נעתקה בקיצור בהיום יום ע׳ קג.

2) כ״ף מרחשון שנת תרכ״א. תולדותיו בפרטיות — ראה „חנוך לנער״. ס׳ התולדות אדמו״ר מהורש״ב (קה״ת תשל״ב. ועוד).

3) ראה לקו״ש ח״ה שם ביאור ב׳ הנוסחאות שבזה.

4) ברכות מח, רע״א.

5) כתורת הבעש״ט הידועה (כתר שם טוב (קה״ת) הוספות סי׳ קכז ואילך, וש״נ).

6) יב, ז. יז, א.

7) אבל אינו מסתבר עפמ״ש בגו״א עה״פ (ואתחנן ו, ז) ושננתם לבניך. ועוד.

ג. בפשטות י״ל דעם טעם: ווען ער איז אַריין צום צ״צ (צו מקבל זיין די ברכה בשייכות מיט׳ן יום הולדת), איז עס געווען בש״פ וירא, האָט ער דעריבער געפרעגט אויף דעם ענין וואָס ער האָט געלערנט דעמאָלט, אויף „וירא אליו ה׳״ וואָס שטייט אין פ׳ וירא (משא״כ אין דער וואָך פון פ׳ לך איז ניט געווען אַ סיבה אויף אַריין צום צ״צ[8]) —

עס בלייבט אָבער די שאלה: פאַרוואָס האָט דער צ״צ אים געענטפערט נאָר וועגן „וירא אליו ה׳״ פון פ׳ וירא, און האָט ניט מעורר געווען אַז „וירא ה׳ אל אברם״ איז שוין געווען פריער (אין פ׳ לך לך) און — צוויי מאָל?

די שאלה איז נאָך גרעסער: דער ענט־פער פון צ״צ (אַז דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן צו אברהם אבינו ווייל ער האָט מחליט געווען אַז ער דאַרף זיך מל זיין) פאַרענטפערט נאָר דעם פסוק „וירא אליו ה׳״ פון אונזער סדרה, וואָס איז געקומען נאָך די החלטה זיך צו מל זיין — עס בלייבט אָבער די שאלה (און גע־וויין) בנוגע „וירא ה׳ אל אברם״ פון פ׳ לך וואָס זיינען געווען איידער ער האָט זיך מל געווען[9].

ד. לכאורה קען מען זאָגן דעם ביאור בזה:

די צוויי מאָל „וירא״ אין פ׳ לך זיינען געווען אַ הקדמה והכנה צו אַן אמירה („וירא ה׳ גו׳ ויאמר גו׳״), ובמילא האָט ניט קיין אָרט דער „וירא״ צו איינעם — צו וועלכן ס׳איז ניטאָ די אמירה;

משא״כ אין אונזער סדרה איז ניט געווען קיין אמירה (אָדער כיו״ב) בהמשך צום „וירא״[10], דער „וירא״ איז געווען אַן ענין פאַר זיך; און דערפאַר האָט זיך דער רבי נ״ע פאַנאַנדערגעוויינט דוקא בקשר צו דעם „וירא״.

אָבער דאָס איז ניט אויסגעהאַלטן, ווייל

[אפילו אויב דער „וירא״ איז געווען צוליב אַן אמירה — געפינט מען דאָך בכמה מקומות[11] וואו עס שטייט „ויאמר ה׳ אל גו׳״ אָן דער הקדמת „וירא ה׳ גו׳״; איז דערפון משמע אַז אויך דאָ איז דער „וירא״ אַן ענין לעצמו (ניט נאָר צוליב דער אמירה), והדרא קושיא לדוכתא — איז נוסף לזה]

אויך דער „וירא״ פון אונזער סדרה האָט געהאַט אַ סיבה, אַ מטרה מיוחדת (ווי רש״י — פשוטו של מקרא — זאָגט[12]) — „לבקר את החולה״ — און באַ דעם רבי׳ן נ״ע — איז דאָך ניט געווען די סיבה?

ה. אין בעל הטורים[13] שטייט, אַז „וירא אליו ה׳״ (בפרשתנו) איז געווען „בשביל המילה״ — אין זכות וואָס אברהם אבינו האָט מקיים געווען מצות מילה.

עפ״ז וואָלט מען געקענט לכאורה פאַרענטפערן, אַז אין דעם איז באַשטאַ־נען די טענה (און געוויין) פון רבי׳ן נ״ע: וויבאַלד אַז אויך ביי אים איז דאָ

8) אבל ראה ספר השיחות קיץ ה׳ש״ת (ע׳ 99): אַז איך בין אַלט געווען פיר יאָר פלעג איך אַלע טאָג אַריינגיין צו דעם זיידן אין חדר.

9) בנוגע ל„וירא״ הב׳ דפ׳ לך אפשר לתרץ (בדוחק עכ״פ), דאף שהי׳ לפני החלטת אברהם למול א״ע, מ״מ הי׳ בקשר (עכ״פ) לענין המילה (כפרש״י שם).

10) ראה מפרשי רש״י ריש פרשתנו.

11) כמו בר״פ לך. ובכו״כ מקומות.

12) עה״פ ריש פרשתנו.

13) ריש פרשתנו. וכ״ה בספורנו. ועוד (וראה הערה הבאה). וראה ב״ר ריש פרשתנו ובמפרשים שם. זח״א פח, סע״ב ואילך.

דער זכות פון מילה[14], דעריבער קומט אויך אים דער שכר פון „וירא אליו ה׳״;

און אויף דעם האָט אים דער צ״צ געענטפערט, אַז מען קען זיך ניט פאַר־גלייכן צו אברהם׳ען, וואָס זיין מצות מילה האָט געהאַט אַ מעלה מיוחדת — ער האָט זיך מל געווען „צו ניין און ניינציק יאָר״ — און דערפאַר האָט ער (דוקא) זוכה געווען צום „וירא״.

אָבער דאָס איז אַ דוחק גדול, ווייל:

א) רש״י איז מפרש, כנ״ל, אַז דער „וירא אליו ה׳״ איז געווען ניט סתם אַ שכר „בשביל המילה״, נאָר „לבקר את החולה״[15] — און פרש״י על התורה איז דאָך (אויך) פאַר אַ „בן חמש למקרא״ — איז מסתבר, אַז די שאלה פון רבי׳ן נ״ע זייענדיק אַ קינד פון פיר אָדער פינף יאָר איז אויסגעהאַלטן לויט פירוש רש״י אויפן פסוק.

ב) אפילו לויטן פירוש פון בעל הטורים — וויבאַלד עס רעדט זיך וועגן דעם רבי׳ן נ״ע, וואָס זייענדיק אַ קינד איז אין אים געווען ניכר אַ מעין פון זיינע שפעטערדיקע מעלות (כנ״ל „בוצין בוצין מקטפי׳ ידיע״[4]), האָט ער דאָך זיכער געוואוסט וועגן דעם גודל המעלה פון עבודת אברהם אבינו בכלל, און עאכו״כ אַז ער האָט פאַרשטאַנען די מעלה הכי פשוטה וגלוי׳ אין מילת אברהם אבינו לגבי מצות מילה (בכלל), וואָס זי איז געווען אין עלטער פון ניין און ניינציק יאָר;

האָט במילא ניט קיין אָרט אַז דער רבי נ״ע (אפילו אַלס קינד) זאָל זיך פאַר־גלייכן צו אברהם אבינו, ביז צו האָבן אַ טענה, פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן צו אברהם אבינו (בזכות המילה) און צו אים באַווייזט ער זיך ניט.

ו. וי״ל הביאור בזה, אַז אדרבה: די טענה הנ״ל פון רבי׳ן נ״ע איז געקומען טאַקע מצד דעם וואָס ער האָט געוואוסט וואָס רש״י זאָגט אַז „וירא אליו ה׳״ איז געווען „לבקר את החולה״:

לולא פירוש רש״י וואָלט ער ניט געהאַט קיין טענה פאַרוואָס דער אוי־בערשטער באַווייזט זיך ניט צו אים ווי צו אברהם אבינו — ווייל ווי איז דען שייך אַז ער זאָל זיך פאַרגלייכן צו אברהם אבינו;

היות אָבער אַז „וירא אליו ה׳״ איז געווען „לבקר את החולה״, אַן ענין פון גמילות חסדים[16], ד.ה. דער „וירא״ איז געווען (ניט אַזוי מצד מעלת מדריגת אברהם אבינו[17], נאָר) מצד מדת חסדו של הקב״ה — האָט ער דעריבער גע׳טענה׳ט: וויבאַלד אַז אים אַרט וואָס דער אויבער־שטער באַווייזט זיך ניט צו אים (ווי מ׳האָט דערנאָך געזען אַז דאָס האָט אים געבראַכט צו בכי׳) — דאַרף דעריבער דער אויבערשטער גומל חסד זיין אויך מיט אים, און באַווייזן זיך אויך צו אים.

14) ואף שמילתו הייתה זמן רב לפני זה — צ״ל המסובב, נתינת השכר „וירא אליו ה׳״ כשיכול (להבינו ו)לקבלו (בן ד׳ ויותר). ויומתק זה בפרט ע״פ הידוע שמילה היא פעולה נמשכת (ראה מפענח צפונות פ״ה סי״ח, וש״נ. לקו״ש ח״ג ע׳ 759 ואילך).

15) אלא שברמב״ן פרשתנו (יח, ב — קרוב לסופו) משמע, דזה גופא שהקב״ה נגלה אליו „לבקר את החולה״ הי׳ רק „לכבוד לו״ — גמול על מצות מילה.

16) ראה ב״מ (ל, ב): ביקור חולים היינו גמילות חסדים. וברמב״ם הל׳ אבל רפי״ד: „לבקר חולים . . ואלו הן גמילות חסדים כו׳״.

17) וכדמוכח גם מזה שלמדין (סוטה יד, א) מפסוק זה החיוב דביקור חולים שעל כאו״א (וראה לקמן סעיף ז־ח). וראה הערה הבאה.

[ולפ"ז איז פאַרענטפערט בפשטות וואָס ער האָט ניט געפרעגט אויף די צוויי מאָל „וירא ה' אל אברם" אין פ' לך לך — ווייל דאָרטן איז דער „וירא" געווען פאַרבונדן מיט מעלתו של אברהם אבינו[18], און מען קען זיך ניט פאַרגלייכן צו אברהם אבינו].

אויף דעם האָט אים דער צ"צ געענט־פערט „אַז אַ איד כו' איז מחליט אַז ער דאַרף זיך מל זיין איז ער ווערט אַז דער אויבערשטער זאָל זיך באַווייזן צו אים": כאָטש דער „וירא אליו ה'" איז געווען (ניט, מצד מעלת מדריגת אברהם אבינו, נאָר) מצד גמילות חסדים (של הקב"ה), דאַרף מען אָבער ווערט זיין דעם גמ"ח, זיין אַ „כלי" צו דעם גילוי[19];

און די כלי צו דעם איז — די החלטה, אַז אין וועלכן מצב ער זאָל נאָר זיין, אפילו ווען ער איז אין אַ דרגא פון „אַ צדיק צוניין און ניינציק יאָר" דאַרף ער זיך מל זיין[20].

18) עפ"ז יומתק ג"כ השינוי בלשון הכתובים, דבב' פסוקים דפ' לך נאמר „וירא ה' אל אברם" (ולא „אליו" — אף שנאמר לפנ"ז „ויעבר אברם גו'", „ויהי אברם גו'"), משא"כ בפרשתנו נאמר „וירא אליו"* — כי ה„וירא" דפ' לך היו בקשר למעלת אברהם, משא"כ דפרשתנו.

19) וי"ל מעין זה בנתינת מתנה ובכ"ז אי לאו דעביד נייחא לנפשי' לא יהיב לי' מתנתי' (כן הובא בכ"מ — המשך וככה תרל"ז פס"ח. המשך תרס"ו ע' קלא. ועוד. וראה מגילה כו, ב. גיטין נ, ב. ב"מ טז, א. ב"ב קנו, א). — ועיין המבואר בלקו"ת (שה"ש כד, סע"א ואילך) בענין בחינה הג' שבאתערותא דלעילא, דאף שבאה מצד למעלה („שאין אתעדל"ת מגעת שם כלל"), מ"מ „אינה שורה ומתגלה אלא כשיש שלימות במעשה התחתונים".

20) ראה לקו"ש ח"א ע' 25 ואילך. ח"ה ע' 87 ואילך. ע' 321 ואילך.

*) בפשטות הטעם (כמ"ש ברמב"ן הנ"ל. וראה גם גו"א ושפ"ח ריש פרשתנו) לחבר פרשה זו לפרשה שלפנ"ז (שה„וירא" הי' בקשר למילה).

**ז. אויף דעם ביאור הנ"ל קען מען לכאורה פרעגן:**

סוף־סוף איז דער ענין פון ביקור חולים ניט סתם אַן ענין פון גמילות חסדים, נאָר עס (האָט אַ תוכן מיוחד, עס) איז פאַרבונדן מיט אַ חולה **דוקא — דורך** דעם ביקור פאַרגרינגערט מען די יסורים פון דעם חולה און דאָס גופא העלפט צו זיין רפואה[21] (ובפרט ווי עס שטייט אין גמרא[22] אַז עס נעמט צו „אחד מששים" פון דעם חולי) — וואָס דאָס איז אפילו ביי אַ ביקור פון אַ בן אדם; ועאכו"כ אַז דעם אויבערשטנ'ס **ביקור חולים**[23] **פועל'ט** זיכער ברפואת חולה[24].

21) ראה מאירי לנדרים (לט, ב) „שהמבקר מקל בחליו של חולה . . ובבני גילו ר"ל שבקורם ערב עליו שמצד הנאתו מהם חליו מיקל, פעמים שהביקור סיבת ההצלה לחולה כו'". וראה רמב"ם שבהערה 23.

22) נדרים וב"מ שם.

23) וגם לפמ"ש בגמרא שם, דמה שנוטל אחד מששים הוא דוקא ב„בן גילו" — הרי הקב"ה „תאומה" של ישראל* (ראה שהש"ר פ"ה, ב (בסופו)). ולהעיר מרמב"ם שם (ה"ד) „וכל המבקר את החולה כאילו נטל חלק מחליו כו'", שמפשטות לשון הרמב"ם משמע (וצ"ע ברדב"ז שם) שדין זה הוא ב„כל מבקר", גם כשאינו בן גילו. וכן משמע בויק"ר רפל"ד (לפי' המת"כ שם. וראה עץ יוסף שם). אבל להעיר שברמב"ם שם הלשון (א) „כאילו" (ב) „חלק" סתם. ואכ"מ.

24) להעיר מרמב"ן (שצויין בהערה 15) „שהי' לו במראה השכינה ריפוי למחלת המילה" — הובא ונת' באוה"ת (בראשית כרך א) ריש פרשתנו. וראה לקו"ש ח"ה (ע' 84) שאין זה סתירה לפרש"י (פרשתנו יח, ב) דמלאך רפאל בא לרפאות את אברהם.

*) וי"ל שב' המ"ד בשהש"ר שם ב„תאומתי" — (א) כביכול לא אני גדולה ממנה ולא היא גדולה ממני, (ב) מה התאומים הללו אם חושש אחד כו' חבירו מרגיש — הם **ע"ד** ומעין ב' הפירושים ב„בן גילו": בפרש"י (נדרים שם) „בחור כמותו או זקן לזקן"; בר"ן רא"ש ועוד (נדרים שם) — שנולד במזלו.

שטעלט זיך במילא די שאלה: ווי אַזוי האָט דער רבי נ״ע אָפּגעלערנט פון „וירא אליו ה׳ — לבקר את החולה״, אַז דער אויבערשטער באַווייזט זיך אויך צוליב אַן אַנדער ענין פון גמילות חסדים, וואָס איז ניט פאַרבונדן מיט אַ חולה וואָס דאַרף האָבן אַ רפואה (און דער מבקר איז „נוטל כו׳ מחליו״)?

וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם וואָס די גמרא[25] לערנט אָפּ פון „וירא אליו ה׳״, אַז פונקט ווי „הקב״ה ביקר חולים . . אף אתה בקר חולים״ — וואָס אויך אין דעם איז ניט פאַרשטאַנדיק (ע״ד קושיא הנ״ל):

די גמרא[26] זאָגט אַז דוקא ביי „בן גילו״ פון דעם חולה ווערט דורך זיין ביקור חולים אויפגעטאָן אַז „נוטל כו׳ מחליו״. היינט ווי קען מען אָפּלערנען דערפון וואָס „הקב״ה ביקר חולים״ (וואָס זיין ביקור חולים איז זיכער נאָך מער ווי „בן גילו״[27]), אַז ביי יעדער אידן (וואָס רובם זיינען ניט בני גילו) דאַרף זיין „בקר חולים״[28]?

ויש לומר, אַז רש״י איז מרמז דעם ביאור ע״ז בפירושו דאָ על התורה, דער־מיט וואָס ער זאָגט „לבקר את החולה אמר רבי חמא בר חנינא[29] יום שלישי למילתו הי׳ ובא הקב״ה ושאל בשלומו״.

לכאורה איז ניט מובן די אריכות בלשון רש״י[30]: ער זאָגט דאָך שוין „לבקר את החולה״, איז וואָס איז ער מוסיף „ובא הקב״ה ושאל בשלומו״?

נאָר דערמיט באַוואָרנט רש״י: דאָס וואָס דער אויבערשטער איז געקומען צו אברהם׳ן „לבקר את החולה״, איז עס ניט געווען כדי צו אַראָפּנעמען פון זיין חולי, נאָר (בלויז) לשאול בשלומו[31], כדלקמן.

ח. נאָך „וירא אליו ה׳״ שטייט[32] אַז אברהם האָט געזען „שלשה אנשים נצבים עליו״. זאָגט רש״י אַז איינער פון זיי איז געקומען „לרפאות את אברהם״.

און וויבאַלד אַז סיי ווי (אויך אָן „וירא אליו ה׳״) איז אברהם אויסגעהיילט גע־וואָרן אינגאַנצן דורך מלאך רפאל[33] (און גלייך ווי ער איז געקומען[34]) — האָט דאָך ניט קיין אָרט צו זאָגן, אַז מיט אַ וויילע פריער זאָל דער אויבערשטער קומען בכדי צו אַראָפּנעמען פון אים (בלויז) „אחד מששים מחליו״[35].

דעריבער איז רש״י מדייק, „ובא הקב״ה ושאל בשלומו״ — אַז די מטרה פון דעם ביקור חולים של הקב״ה איז געווען (ניט — לרפאות, עכ״פ אחד מששים, נאָר) בלויז אַן ענין פון גמילות חסדים. און דערפאַר לערנט מען דער־

25) סוטה שם.

26) נדרים וב״מ שם. וראה דרישה לטיו״ד (סשל״ה סק״ס) דמי שאינו בן גילו „אינו ממעט חולי כלל״. וראה הערה 23.

27) ראה הערה 23־4.

28) ויתירה מזו: גם בן גילו ד„נוטל כו׳ מחליו״ אא״פ לדמות לבקור חולים דהקב״ה, שהרי בקורו של הקב״ה פועל רק להסיר את החולי מהחולה, משא״כ בבנ״א שהמבקר נוטל (לעצמו) מחליו — שלכן אא״פ ללמוד חיוב ביקור חולים דבן גילו מגמ״ח, כי הו״א שאינו מחוייב בזה (ב״מ שם).

29) ב״מ פו, ב (בשינוי לשון).

30) ראה גם דברי דוד לפרש״י עה״פ.

31) ויש לומר, שמטעם זה מעתיק רש״י את שם בעל המאמר (דבא הקב״ה ושאל בשלומו) — רבי חמא בר חנינא — כי הוא הוא המ״ד בסוטה שם „מה . . הקב״ה ביקר חולים דכתיב וירא . . אף אתה כו׳״, ולשיטתו אזיל, דבקורו של הקב״ה אצל אברהם הי׳ רק לשאול בשלומו, ולכן מה הקב״ה כו׳ אף אתה כו׳.

32) יח, ב.

33) כהמשך הכתובים (שם ו־ז) „וימהר גו׳ רץ גו׳״.

34) ראה בזה לקמן ע׳ 71 והערה 22.

35) להעיר גם מילקוט ראובני ריש פרשתנו.

פון דעם חיוב פון „בקר חולים״ אויף יעדן אידן.

און וויבאַלד אַז דער אויבערשטער איז געקומען „לבקר את החולה״, אַלס גמילות חסדים (און ניט אויף אַראָפּנע־מען מחליו), דעריבער האָט דער רבי נ״ע געהאַט די טענה, אַז מצד גמילות חסדים, דאַרף דער אויבערשטער באַווייזן זיך אויך צו אים, כנ״ל.

ט. ווי גערעדט אַמאָל בארוכה[36], איז איינע פון די הוראות וואָס מ׳דאַרף אַרויסנעמען פון דעם סיפור:

וויבאַלד דער מאורע הנ״ל מיטן רבי״ן נ״ע האָט פּאַסירט ווען ער איז געווען אַ קינד פון פיר אָדער פינף יאָר, „בציר מבר שית״ — איז דערפון אַ הוראה, אַז אפילו אַ קינד וואָס איז אַלט פיר אָדער פינף יאָר, קען מען ביי אים אַרויסרופן (דורך אַ חינוך כדבעי) אַ תשוקה צו רוחניות און ג־טלעכקייט, ביז צו אַ תשוקה נפלאה וואָס רופט אַרויס בכי׳.

און ס׳איז ניט קיין סתירה דערצו פון הוראת הרמב״ם[37] בנוגע דעם אופן הלימוד מיט אַ קטן, אַז מען דאַרף אים מזרז זיין „בדברים שהם אהובים אצלו לקטנות שניו . . קרא ואתן לך אגוזים כו׳״ — ווייל דער מאורע הנ״ל (ובפרט נאָך דעם ווי כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט עס מפרסם געווען), האָט מגלה געווען דעם דרך בחינוך. וי״ל נאָכמער — מחדש גע־ווען דעם דרך בחינוך, (ובל׳ החסידות) ער האָט געעפנט אַ נייעם צינור, אַז מען זאָל קענען מחנך זיין אַ קינד, ביז ג־טלעכקייט זאָלן ווערן „דברים שהם אהובים אצלו״, אַ טייל אויך פון זיין „קטנות שניו״.

ע״ד ווי מען געפינט בנוגע לכמה ענינים (אויך להלכה[38]) אַז „נשתנו הטבעיים״.

יו״ד. מען דאַרף אָבער האָבן אַ ביאור: פאַרוואָס טאַקע האָט זיך דער ענין אויפ־געטאָן ערשט בדורות האחרונים, און דורך (אַ מאורע וואָס האָט פּאַסירט מיט) דעם רבי״ן נ״ע?

וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים הביאור וואָס דער גילוי פון פנימיות התורה איז געקומען דוקא בדורות האח־רונים (דורכן אריז״ל[39], און דערנאָך דורכן בעש״ט, ביז אין אַן אופן פון השגה והבנה[40] דורך תורת חסידות חב״ד) — דלכאורה, אכשור דרא בתמי׳?

איז ידוע איינער פון די ביאורים בזה[41], אַז אדרבה: מצד דעם וואָס בדורות האח־רונים איז דער חושך גרעסער, דאַרף מען האָבן אַ הוספה אין אור הקדושה. ועד״ז איז אויך בנדו״ד: מצד דער התגברות החושך שבדורות האחרונים, האָט מען דוקא איצט געגעבן דעם כח צו מחנך זיין קינדער „בציר מבר שית״, אַז רוחניות און אלקות זאָל ווערן אַ טייל פון זייער לעבן, כנ״ל.

און דאָס איז אויך דער טעם וואָס ענין זה האָט זיך אויפגעטאָן דורך (אַ מאורע וואָס האָט פּאַסירט מיט) דעם רבי״ן נ״ע:

36) לקו״ש חט״ו ע׳ 130 ואילך.

37) פיה״מ סנהדרין ר״פ חלק. וראה גם הל׳ תשובה פ״י ה״ה.

38) ראה רמ״א אה״ע סקנ״ו ס״ד. מג״א סקע״ג סק״א. שו״ע אדה״ז חאו״ח סו״ס קעט (ואף שהוא בענין של סכנה). וראה שד״ח (כרך א׳ ע׳ רי ואילך. כרך י׳ ע׳ קצד), וש״נ.

39) שכתב „דדוקא בדורות אלו האחרונים מותר ומצוה לגלות זאת החכמה״ (אגה״ק סכ״ו — קמב, ב).

40) בלשון התקו״ז (ת״ו בסופו) „יתפרנסון״ — ראה כסא מלך לתקו״ז שם. הקדמת מקדש מלך לזהר.

41) ראה קונטרס עץ חיים פי״ג. מכתב כ״ק אדמו״ר נ״ע — בהוספות שם ע׳ 82 ואילך. ועוד.

**מעניניו המיוחדים פון רבי'ן נ"ע איז געווען — וואָס ער האָט מייסד געווען ישיבת תומכי תמימים, וואו מ'זאָל לערנען נגלה דתורה צוזאַמען מיט פנימיות התורה, אַלס אַ תורה** אחת[42].

**איז אַלס הקדמה דערצו האָט מען געדאַרפט פותח זיין אַ נייעם צינור און אַ נייעם דרך אין ענין החינוך, אַז אפילו ווען דער קינד איז נאָר אַלט פיר אָדער פינף יאָר, קען מען ביי אים אַרויסרופן אַ תשוקה נפלאה, ער זאָל גלוסטן אַז דער אויבערשטער זאָל זיך צו אים באַווייזן.**

**און הנהגה האמורה באַ די וועלכע מ'רופט „משיחי"[43] — ווערט די הכנה קרובה צו ביאת וגילוי המשיח, ווען עס וועט זיין** וירא ה'[44], **„ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דבר"[45] למטה מעשרה טפחים,**

**בקרוב ממש, ווען „אתי מר" דא מלכא משיחא.**

(משיחות ש"פ וירא (כ"ף מרחשון) ומוצש"ק פ' ח"ש תש"מ)

42) ראה שיחת כ"ק אדמו"ר נ"ע בסה"מ תרנ"ט ע' רכג־רכה. ועוד.

43) שבת קיט, ב.

44) ראה תניא פל"ו בארוכה.

45) ישעי' מ, ה.